**London Bay Nakht - London at Night**
Words: Morris Winchevsky. Music and translation: Vivi Lachs
Source: *Der poylisher yidl* 12 September, 1884.

Ir lempelekh, laternelekh,
dertseylt mir vos bay nakht,
zikh shteyendik un brenendik,
ir tsaytnvayz batrakht.
Den ale nakht balaykhtndik
di moyern, dem bruk –
darft ir itst hobn, rekhn ikh
a klorn sharfn kuk.

Hot ir gezen a bokherl
farhungert un farshmakht,
hir geyendik un zukhendik
di gantse libe nakht –
zikh zukhndik a vinkele,
a tir, a trep in gas,
zikh tsutsuleygn oysruen? –
S'iz shreklekh kalt in gas!

Di lempelekh zey brenen zikh,
balaykhtn yedes hoyz;
tsi zeyen zey – tsi hern zey,
dos zogn zey nit oys.

Hot ir gezen baym hospital
a meydele baym tir?
Mit royte oygn, shrayendik:
"Oy vey, oy vey tsu mir!"
Ir tate ligt a goyseser,
finf kinder shrayen: "broyt!"
Di mame iz shoyn lang nito:
zi iz shoyn dray yor toyt.

Di lempelekh zey brenen zikh,
balaykhtn yedes hoyz;
tsi zeyen zey – tsi hern zey,
dos zogn zey nit oys.

Hot ir gezen, ir lempelekh,
shpatsirndik in gas,
a halb tsemishtn altn man,
shvakh, hungerik un blas?
Amol hot dizer altinker
gemakht fun yor tsu yor
afule mentshn lakhndik
als lustiker aktyor.

Di lempelekh zey brenen zikh,
balaykhtn yedes hoyz;
tsi zeyen zey – tsi hern zey,
dos zogn zey nit oys.

The lamps and streetlights
Tells us what happens at night.
They stand and burn
Observing over time
Because all the night is illuminated
The walls, the cobbles –
I suppose they must give
A clear, sharp view.

Have they seen a young man
Hungry and faint,
Walking around and searching
The whole precious night
Searching for a corner
A door, a step in the street
To lie down and rest?
It's terribly cold in the street

The lamps are burning,
Lighting up every house;
Whatever they see, or hear
This they do not reveal.

Have they seen beside the hospital
A young girl by the door?
With red eyes, crying
"Oh woe, oh woe is me!"
Her father is lying dying
Five children crying for food
Her mother has been long gone
She is already three years dead.

The lamps are burning
Lighting up every house;
Whatever they see, or hear
This they do not reveal.

Have your streetlights seen
Walking around in the street
A half-confused old man
Weak, hungry and pale?
This elder once
Year in, year out
Made people laugh
As a cheerful actor.

The lamps are burning
Lighting up every house;
Whatever they see, or hear
This they do not reveal.

Hot ir gezen a grinem yid
hir blondzhendik aleyn?
Keyn korev nit, keyn goyel nit
un elnt vi a shteyn?
Di raykhe “kenen gornisht ton”,
zey hobn tekhter, zin…
Di Londoner “komite layt” -
far zey iz er tsu GRIN…

Di lempelekh zey brenen zikh,
deroyf zaynen zey geshtelt;
nur visn fun zey kent ir nit
vos tut zikh in der velt.
Zey zenen vi KOMITE LAYT
tsum SHAYNEN nor gezetst,
un zeyen nit, un visn nit -
der shukh bay vemen kvetsht.

Have they seen a greenhorn Jew
Wandering about alone?
No relative, no saviour
And lonely as a stone?
The rich “Can’t do anything”
They have daughters, sons…
For the London “committee members”
He’s too GREEN…

The streetlamps are burning
That is why they are here;
But you won’t find out from them
What is going on in the world.
They are like COMMITTEE MEMBERS
They simply SHINE sedately
Without seeing, without knowing
Whose shoe pinches.

# לאנדאָן ביי־נאכט *)

איהר לעמפּעלעך, לאַטערנעלעך,
ערצעהלט מיר וואָס ביי נאַכט,
זיך שטעהענדיג און ברענענדיג,
איהר צייטענווייז בעטראַכט.
דען אַלע נאַכט בעלייכטענדיג
די מויערן, דעם ברוק —
דאַרפט איהר איצט האָבען, רעכען איך
אַ קלאָרען, שאַרפען קוק.

*　*

האָט איהר געזעהן אַ בחור'ל,
פערהונגערט און פעשמאַכט,
היער געהענדיג און זוכענדיג
די גאַנצע ליעבע נאַכט —
זיך זוכענדיג אַ ווינקעלע,
אַ טיר, אַ טרעפּ אין גאַס,
זיך צוצולעגען אויסרוהען ? —
ס'איז שרעקליך קאַלט און נאַס !
די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעס הויז ;
צי זעהען זיי — צי הערען זיי,
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.

*) די פאָרם איז גענומען פון אַ רוסישען געדיכט.

האַט איהר געזעהן ביין האָספּיטאָל
אַ מיידעלע ביין טיר?
מיט רויטע אויגען, שרייענדיג:
„אֵי וועה, אֵי וועה צו מיר!“
איהר טאַטע ליעגט אַ גוסס׳ער,
פינף קינדער שרייען: „ברויט!“
די מאַמע איז שוין לאַנג ניטאָ:
זי איז שוין דריי יאָהר טויט.
די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעס הויז;
צי זעהען זיי — צי הערען זיי,
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.

האַט איהר געזעהן, איהר לעמפּעלעך,
שפּאַצירענדיג אין גאַס,
אַ האַלב צומישטען אַלטען מאַן,
שוואַך, הונגעריג און בלאַס?
אַמאָל האַט דיעזער אַלטינקער
געמאַכט פון יאָהר צו יאָהר
אַפּולע מענשען לאַכענדיג
אַלס לוסטיגער אַקטיאָר.
די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעס הויז;
צי זעהען זיי — צי הערען זיי,
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.

האַט איהר געזעהן אַ „גרינעם“ איד
היער בלאָנדזשענדיג אַליין?

קיין קרוב ניט, קיין גואל ניט
און עלענד ווי אַ שטיין?
די רייכע „קענען גאָר נישט טאָן“,
זיי האָבען טעכטער, זיהן....
די לאָנדאָנער „קאָמיטע לייט“ —
פאַר זיי איז ער צו  ג ר י ן...
די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך,
דרויף זיינען זיי געשטעלט;
נאָר וויסען פון זיי קענט איהר ניט
וואָס טוט זיך אין דער וועלט.
זיי זיינען ווי  ק אָ מ י ט ע־ל י י ט
צום  ש י י נ ע ן  נור געזעצט,
און זעהען ניט, און ווייסען ניט —
דער שוך ביי ועמען קוועטשט.

1884